יפתחס טאָכטער און איפיגעניאַ. צוויי גורל־שוועסטער. אָבער נישט מיט דעם זעלביקן מזל. מיט איפיגעניאַ האָבן זיך באַשעפטיקט די גרויסע גריכישע טראַגיקערס, די דײַטשישע און די פראַנצויזישע קלאַסיקערס און מיט יפתחס טאָכטער נאָר איינער — שלום אַש אין אַ דראַמאַטיש זיבעלע.

דאָס אַבסאָלוטע פעלן פון דער דראַמאַטישער שפּירונג בײַם ייִדישן פאָלק האָט געמאַכט אוממעגלעך די באַלאַדע־פאָרם אין זײַן פאָלקסליד. אויפן חורבן בית־המקדש — דער טראַגעדיע פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג — רעאַגירט נאָך ביז צום הײַנטיקן טאָג דאָס פאָלק מיטן אַלטן „איכה"־געזאַנג, דאָס הייסט — ליריש־עלעגיש.

אַז דאָס שײַכות צווישן באַלאַדע און דראַמע איז נישט קיין סתם השערה מײַנע, וואָס הענגט אין דער לופטן, לאָזט זיך באַווײַזן. אַלע פעלקער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ דראַמאַטישע שפּירונג, האָבן אין זייער פאָלקלאָר — די באַלאַדע, און אין זייער ליטעראַטור, ווי אַ קאָנסעקווענטע אויפשטײַגונג — די דראַמע.

אַזוי איז עס בײַ די ענגלענדער, בײַ די דײַטשן, בײַ די סקאַנדינאַווישע פעלקער. פון די ראָמאַנישע פעלקער האָט בלויז איין פאָלק דערגרייכט די גרויסע דראַמע — די אויטענטישע און נישט די קאָנסטרויִרטע — דאָס איז דאָס שפּאַנישע פאָלק. פון די סלאַווישע פעלקער האָט קיין איין פאָלק נישט דערגרייכט די באַלאַדע אין זײַן פאָלקלאָר און די דראַמע אין זײַן ליטעראַטור.

צוויי מאָמענטן, צוויי בולטע ליניעס צייכענען זיך אָן אין דעם ייִדישן פאָלקלאָר: אַ ליריש־פּאַטעטישע און אַ גראָטעסק־רעאַליסטישע ליניע. דער ליריש־פּאַטעטישער עלעמענט פאַרבינדט אים שטאַרק מיט דער העברעיִשער טראַדיציע, מיט ווײַטע אַמאָלן — די וווּנדער־מעשה, די לעגענדע, דער ייִדיש־רעליגיעזער עקסטאַז; דער גראָטעסק־רעאַליסטישער עלעמענט — מיטן פאָלקס־אַנעקדאָט און מיט דער פאָלקס־פּאַנטאָמימע. אויף דער ערשטער ליניע באַוועגט זיך די ייִדישע ראָמאַנטיק: פּרץ, לייוויק, איגנאַטאָוו און אַנדערע; אויף דער צווייטער — גאָלדפאַדן, שלום־עליכם, משה־לייב האַלפּערן א"אַ.

די ייִדישע ראָמאַנטיק האָט אויפגעכאַפּט און דערהויבן דעם טאָן און דעם נוסח פון דער רעליגיעזער פאָלקס־נשמה און פון דער וווּנדער־מעשה בכלל: פּרצס „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", לייוויקס „גולם" און „גאולה־קאָמעדיע", איגנאַטאָווס „וווּנדער־מעשיות פון אַלטן פּראָג". נישט אַלע מאָטיוון, געשטאַלטן, פּראָבלעמען, וואָס דער רעליגיעז־ראָמאַנטישער פאָלקלאָר האָט אָנגעצייכנט, זענען ביז איצט אויסגעשעפּט געוואָרן דורך דער ייִדישער ליטעראַטור.

איין זאַך איז אָבער כדאי פעסטצושטעלן: אויף דער ראָמאַנטיש־פּאַטעטישער ליניע באַגעגנט זיך די נײַ־ייִדישע ליטעראַטור מיט דער העברעיִשער. אויך די נײַ־העברעיִשע ליטעראַטור האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכע שפּירעוודיקייט פאַר די ראָמאַנטיש־פּאַטעטישע מאָטיוון און טענער, וואָס דער ייִדישער פאָלקלאָר האָט אָנגעצייכנט, דער עיקר — אין דער חסידישער פאָלקס־מעשה. דער ייִדיש־רעליגיעזער פאָלקלאָר האָט אין זיך אויפגעהאַלטן אַ נשמה־שאַפונג, אַ געמיט־אַטמאָספער, וואָס איז אַלט ווי דאָס ייִדישע פאָלק גופא.

אין דער דאָזיקער נשמה־לאַנדשאַפט האָט נאָך גאָט געזאָגט צום ליכט, אַז ס'איז גוט. אין דער דאָזיקער נשמה־לאַנדשאַפט האָבן געוואַנדלט דער אר"י הקדוש און די ל"ו צדיקים. אין דער דאָזיקער געמיט־לאַנדשאַפט האָט אויפגעציטערט די בעל־שם־געשטאַלט — די ייִנגסטע מיסטישע לעגענדע אינעם גאַנצן אייראָפּעיִשן פאָלקלאָר.

דער ייִדיש־רעליגיעזער פאָלקלאָר האָט אויפגעהאַלטן ווי אַן אבן־טוב די תפילה, דעם לירישן דע־פּראָפונדיס־מאָנאָלאָג פון דער ייִדישער נשמה מיטן באַשעפער פון אַלע וועלטן. אינטימע לירישע רעזאָנאַנסן פון תהילים — ביז צו די אויסטערלישע טענות פון דעם באַרדיטשעווער זצ"ל, ליריש־בונטאַריש און פרום.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט נישט געקענט איגנאָרירן אָט דעם לעבעדיקן קוואַל. ווי אַפּיקורסיש זי זאָל נישט געוועזן זײַן אין געוויסע צײַטן, האָט זי פאָרט געמוזט זיך אָנשטויסן אין דעם דאָזיקן פאָלקלאָריסטישן אוצר, וואָס איז אי אַ לעבעדיקייט פאַר זיך, אי אַ דערמאָנונג. דערמאָנענדיק זיך די תפילה, וואָס די מאַמע האָט געשעפּטשעט פאַר די בענטשליכט, גייט דער האַרבער מענדעלע מוכר ספרים אַרויס פון די כלים. דער ניכטערער משכיל און סאַטיריקער ווערט ליריש עקזאַלטירט. ער האָט אַנטדעקט, אַז אין דער ווײַבערישער תפילה אויף עברי־טײַטש איז פאַראַן אַ ים מיט ליבשאַפט נישט נאָר פאַרן אייגענעם הויזגעזינט, נאָר פאַר אַ גאַנץ פאָלק, פאַר אַ גאַנצער וועלט.

אין דער רעליגיעזער פאָלקס־מעשה האָט זיך אַנטפּלעקט סײַ דער ייִד, סײַ דער מענטש. און אינעם זכות פון אָט דער דערקענטעניש איז פּרץ דער קינסטלער געהאָלפן געוואָרן.

נישט אַלץ, וואָס די פּאַטעטיש־ראָמאַנטישע ליניע אין ייִדישן פאָלקלאָר האָט אָנגעצייכנט, איז פאַרענטפערט געוואָרן דורך דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור. אָבער תמיד, ווען די ייִדישע ליטעראַטור וועט זיך אומקערן צו אָט דעם קוואַל, וועט זי האָבן דעם קאָלומבוס־געפיל פון אַנטדעקן נײַע מאָטיוון, סימבאָלן און שיינקייטן.

די צווייטע פּאַראַלעלע ליניע, וואָס דער ייִדישער פאָלקלאָר האָט אָנגעצייכנט פאַר זיך און פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, טראָגט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. די ליניע איז מער וועלטלעך, כמעט אין גאַנצן נישט געבונדן מיט דער טראַדיציע. זי איז אַנטי־פּאַטעטיש, רעאַליסטיש, אָבער מיט אַ שמיצל אַריבער. אַ רעאַליזם, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ גראָטעסקער פאַנטאַסטיק, ווי די ייִדישע ווירקלעכקייט אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָר. אין דעם דאָזיקן טייל פון ייִדישן פאָלקלאָר ווימלט עס מיט לצים און נאַראָנים, מיט שפּיצלעך און שטעכווערטלעך, מיט

The lack of a great dramatic sense among Jews prevented Jews from developing the ballad form in their folk poetry. The Destruction of the Temple—the tragedy of the national disaster—still lives on the Jewish folk tongue in the words of Jeremiah's Lamentations—lyrical elegy, not drama. And the connection between ballad and drama is not just my own idea. All nations that had a sense of drama have the ballad in their folklore and the drama in their literature, as a natural and consistent development. It is true of the English, the Germans and the Scandinavians. The Spaniards are the only Latin people who have achieved a great authentic, not just a contrived drama. None of the Slav nations has achieved great ballad in its folklore or great drama in its literature.

There are two distinct lines in Yiddish folklore—one lyric-pathetic, the other grotesque-realist. The lyric-pathetic element is closely and powerfully linked with the Hebrew tradition, the distant past, the wonder story, the miracle, the legend, the Jewish-religious ecstasy. The grotesque-realist element is linked with the folk-anecdote and with folk-mime. The first gave us our modern romantic literature, Peretz, Leivik, Ignatiev. The second gave us Goldfaden, Shalom Aleichem, Moishe Leib Halpern. Yiddish romantic literature caught the tone of the religious folk-spirit and the wonder story generally—Peretz's Chassidic and folk stories, Leivik's *Golem* and *Redemption Comedy*, Ignatiev's *Wonder Stories of Old Prague*. Yiddish literature is very far still from having exhausted anything like all the motives, figures and problems contained in the religious romantic folklore.

But one fact emerges here—on the romantic-pathetic line the new Yiddish literature meets the new Hebrew literature, which too has shown an extraordinary sense of affinity for the romantic-pathetic motives and tones in Yiddish folklore, especially the Chassidic folk tale. The Yiddish religious folklore has preserved a creation of the Jewish soul, an atmosphere of mind and feeling which is as old as the Jewish people itself. In this soul-landscape God was still saying to the light, "It is good." In this soul-landscape the Ari and the Lamed Vov Tzaddikim still wandered about. In this atmosphere of mind and feeling the figure of the Baal Shem rose—the youngest mystical legend in all European folklore. The Yiddish religious folklore preserved like a precious jewel the prayer, the lyrical de profundis monologue of the Jewish soul with the Creator of all the worlds. The intimate lyrical resonance of the Psalms, up to the astonishing complaints which Rabbi Levi Yitzchok leveled against God, lyrical, insurgent and devout.

Yiddish literature could not ignore this living spring. No matter how antireligious and heretical it may have been at certain times it still had to strike against this folklorist treasure, which is both a living form itself and a reminder. Remembering the prayer which his pious mother murmured when she lighted the Friday night and Festival candles the severe and scoffing Mendele Mocher Seforim goes into ecstasies. The sober Maskil, the satirist becomes lyrically exalted. He has discovered that the women's prayers in Yiddish contain an ocean of love not only for their own household, not only for their own people, but for the whole world.

The religious folk tale revealed both the Jew and the man. And this recognition elevated Peretz as a great writer. Not everything there is in the pathetic-romantic line of Yiddish folklore has been taken up and answered in the new Yiddish literature, but always when Yiddish literature will return to this source it will like Columbus have the feeling that it has discovered a new world, new motives, new symbols, new loveliness.

The second parallel line that Yiddish folklore has marked out for itself and for Yiddish literature bears an altogether different character. This line is more worldly, secular, almost wholly dissociated from the tradition. It is anti-pathetic, realist, but it goes further—it borders on grotesque fantasy, as Jewish real life does in the last few centuries. This field of Yiddish folklore is peopled with fools and drolls and pranksters, with practical jokes and barbed words, with imprecations and execrations, with puns and quips and jibes, with playing the fool and with making an ass of yourself. True, even in this field of Yiddish folklore there is often a strong pious note. As in the love song of the young tailoress, in the family song and in the cradle song. The folk song and the Purim shpil were synthesized to create the Yiddish theater. Raisins and almonds plus masquerade plus

קללות, מיט וואָרט־זשאָנגלערייַען, מיט וויצן און שפּריצן ,מיט שפּילן און פאַר־שייַטקייט.

אמת איז, אַז אויך אין דעם טייל פון ייִדישן פאָלקלאָר זענען פאַראַן שטאַרקע און פרומע אַקצענטן. דאָס ליבעליד פונעם שנייַדער־מיידל, דאָס פאַמיליע־ליד, דאָס שלאָף־און קינדער־ליד וכדומה.

דער סינטעטיקער פון פורים־שפּיל און פאָלקסליד איז געוואָרן דער באַשאַפער פונעם ייִדישן טעאַטער, ראָזשינקעס און מאַנדלען פלוס ציגעלטאַנג, פאַרשייַטער מאַסקנשפּיל פלוס פרום ייִדיש פאָלקסגעמיט. אויף אַ ברייטער פאָלקלאָריסטישער באַזע איז אויפגעקומען דאָס ייִדישע פאָלקס־טעאַטער. וואָס מער דאָס טעאַטער האָט זיך זינט גאָלדפאַדענען דערווייַטערט פון דער פאָלקלאָריסטישער באַזע, אַלץ שפּלדיקער איז עס געוואָרן.

אָבער די באַזע איז פאַראַן, דער אומקער איז תמיד מעגלעך. טיף אין ייִדישן פאָלקס־אַנעקדאָט וואָרצלט שלום־עליכם. אַנעקדאָט און גלייכוואָרטל גיבן צו אַ סך חן און אייגנאַרט דעם שלום־עליכמשן ווערק.

אויב פּרץ איז דער העכסטער אויסדרוק פון דער ראָמאַנטיש־פּאַטעטישער ליניע, איז שלום־עליכם דער העכסטער קינסטלערישער אויסדרוק פון דער רעאַליס־טיש־גראָטעסקער ליניע.

אין וואָס באַשטייט דאָס גראָטעסקע ?

הערט זיך צו, ווי אַ פּשוטער ייִדישער פאָלקס־מענטש רעדט :

— איך בין געגאַנגען, בין איך.

אין אָט דעם אופן רעדן באַמערקט זיך דער מאָדנער און אייגנאַרטיקער שפּרונג איבערן פונקט.

שלום־עליכם האָט אויפגעכאַפּט דעם אופן רעדן פונעם ייִדישן פאָלקס־מענטש, זייַן נטיה צום מאָנאָלאָג. דער מאָנאָלאָג, וואָס איז אין תוך טעאַטראַליש, אָבער נישט דראַמאַטיש. טעמאַטיש וואָרצלט שלום־עליכם אין ייִדישן לעבן־שטייגער, אין ייִדישן פאָלקלאָר. אין זייַן אויסדרוק־פאָרם איז ער דער קלאַסישסטער פאָרשטייער פון דער רעאַליסטיש־גראָטעסקער פאָלקלאָריסטישער באַזע. דער כעלעמער רבֿ איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון זייַן רבֿ ר׳ יוזיפל פון כתרילעווקע. דער „פאַר־כּישופטער שנייַדער“ איז געבויט אויף אַ כעלעמער מעשה. און נאָך און נאָך. די אויפגאַבע פון יעדער אָרגאַנישער ליטעראַטור איז צו האָבן אַ פאָלקלאָריסטישן באָדן, דאָס מיינט אַ לעבעדיק פאָלק, און צו פאַרענטפערן די פּראָבלעמען, מאָטיוון און געשטאַלטן, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעוואָרעמט און אָנגעצייכנט אין זייַן שאַפונג.

אַ בייַשפּיל פון העכסטער קינסטלערישער שלמות און פון אָרגאַנישער פאַר־וואָרצלטקייט אין דעם שאַפן פון זייַן פאָלק איז פאַר אונדז געטע אין זייַן רייַפסטן ווערק „פאַוסט“. דער „פאַוסט“־מאָטיוו איז, ווי באַקאַנט, אַ דייַטשישער פאָלקס־מאָטיוו. אין מיטלעלטער האָט דאָס דייַטשישע פאָלק אָנגעהויבן שעפּטשען די מעשה וועגן דעם ווונדערלעכן מאַגיקער, דאָקטאָר יאָהאַנס פאַוסטוס, וואָס האָט פאַרקויפט זייַן נשמה דעם טייַוול. בייַ געטען האָט דער דאָזיקער מאָטיוו באַקומען דעם העכסטן תּיקון.

אָבער דאָס מערקווערדיקע איז, וואָס נישט נאָר פאַר דעם פאָלקסמאָטיוו האָט דער גרויסער דייַטשישער דיכטער געהאַט פאַרשטענדעניש, נאָר אויך פאַר די פאָרמען, וואָס דער דייַטשישער פאָלקלאָר האָט אָנגעצייכנט. די דיאַלאָגן פון „פאַוסט“ זענען געשריבן אין דעם אַזוי גערופענעם „קניטל־פערז“ — דעם פערז, אין וועלכן די דייַטשישע „פורים־שפּילערס“ האָבן אימפּראָוויזירט זייערע „פאַסט־נאַכט“־שפּילן. די לירישע אינטערמעצאָס פון דער גרויסער פאַוסט־טראַגעדיע, די גרעטכען־לידער און די אַנדערע, זענען געשריבן אין טאָן און נוסח פונעם דייטשישן פאָלקס־ליד.

פאָלק און געניוס זענען געוואָרן איינס. איינער מיט דער הילף פונעם צווייטן.

★

דער דאָזיקער קורצער אַרטיקל איז אויסן צו שטעלן דעם טראָפּ אויף דער עסטעטישער און נאַציאָנאַלער פונקציע פונעם ייִדישן פאָלקלאָר. פאַר אַ זשורנאַל, וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו באַלייַכטן ייִדישע פּראָבלעמען אין דער ברייט און אין דער טיף, איז דאָס דאָזיקע פאָלקלאָר־ליטעראַטור־פּראָבלעם וויכטיק ביז גאָר, דער עיקר פונעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן שטאַנדפּונקט. דער איצטיקער אַרטיקל איז נאָר אַן אָנדייַט פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

(„אויפן שיידוועג“ נומ. 1, פּאַריז, אַפּריל 1939)

pious religious folk mood. The Yiddish folk theater rose on a broad base of folklore. The further the Yiddish theater since Goldfaden moved away from its folklore base the lower it sank.

But the base is there. And there can always be a return. Shalom Aleichem's roots are deep in Yiddish folk anecdote. His work sparkles with Yiddish folk anecdote and Yiddish folk sayings. If Peretz is the supreme expression of the romantic-pathetic line Shalom Aleichem is the supreme expression in art of the realist-grotesque line. Shalom Aleichem caught the way of speech of the man of the folk, his tendency to monologue, the monologue which is essentially theatrical, but not dramatic. Shalom Aleichem is thematically rooted in the Jewish way of life, in Yiddish folklore. His Reb Yossifel is based on the Rabbi of Chelm. His *Enchanted Tailor* is based on one of the folk tales of Chelm. Every literature that builds on its popular folklore builds on a sound and sure foundation, on a living people.

We have an example of folklore lifted to the supreme pinnacle of art in Goethe's *Faust*. The German people had started talking in the Middle Ages about this magician Dr. Faustus, who had sold his soul to the devil. Goethe took the motive and made a tremendous work of art of it. That is the way of literature—folk and genius are one. Each with the help of the other.

(1939)

from The Way We Think: A Collection of Essays from the Yiddish, ed. Joseph Leftwich. Thomas Yoseloff, 1969.